ב"ה

אונזער הייליגע

# מוסדות בלעטל

נייעס און באריכטן פון ת"ת עבודת משולם פייש ד'טאהש

## פרשת משפטים תשפ"ו / גליון י"ט

תלמוד תורה

עבודת משולם פייש

טאהש

מאנסי יצ"ו

# מודעה חשובה

אזויוי די חשובע עלטערן האבן מיט געהאלטן די וואך האבן מיר און די יעצטיגע טעג א אנדערע באס מיט א אנדערע באס דרייווער וואס טראגן און ברענגען די לעכטיגע קינדערלעך און חדר

ווילן מיר בעטן בכל לשון של בקשה צו זיך האלטן רואיג און צוווארטן ביז די באס קומט אן וועגן עס קען נעמען אביסל לענגער ווי געווענטליך

מיר האפן בעזר השם אז אלעס זאל צוריק ווערן אויף די געווענטליכע סדר ווי שנעלער

מיט פארשטענדעניש

# ברוכים הבאים

פאר די חשובע יונגל וואס איז אריינגעקומען לערנען די הייליגע תורה און אונזער חדר

הילד החשוב כמר **חיים בנימין וויינשטאק** נ"י-**נורסערי**

# • הרתודה והברכה •

הגליון בשבוע זו נתנדב ע"י

**מו"ה שלמה גריגבוים הי"ו**

מנכ"ל המוסדות

**ולע"נ זקינו הרה"ח ר' אברהם יהושע ב"ר מרדכי ע"ה**

ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן
ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

# א בליק אריין אינעם תלמוד תורה

## מה נעשה ונשמע

די וואך איז אריבער גאר דערהויבן און אלע חלקים פונעם תלמוד תורה ווי די קינדער האבן פלייסיג געלערנט די הייליגע הלכות וואס מען לערנט די וואך און די פרשה. און עס פלייסיג געחזרט אז די חשובע עלטערן זאלן קענען שעפן אסאך נחת ווי גוט זיי קענען עס און זעהן מיט די אויגן ווי פלייסיג זיי האבן געלערנט די וואך.

עס איז צום האפן אז די חשובע עלטערן זאלן ווייטער זעהן אסאך נחת ווי די קינדערלעך שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים אויפן הייליגן דרך וואס מיר האבן מקבל געווען פון רבינו הקדוש זי״ע.

## מעשי אבות סימן לבנים

די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר פרשת משפטים ווי די הייליגע באשעפער האט געזאגט פאר משה רבינו ער זאל אויסלערנען פאר די אידן אלע דיני התורה ווי רש״י הקדוש זאגט אז די הייליגע באשעפער האט געזאגט פאר משה רבינו ער זאל זיי עס אויסלערנען כשולחן הערוך המוכן לאכול ממש ווי איינער גרייט אן א טיש פאר איינעם צו עסן מאכט ער זיכער אז עס זאל דארט זיין אפילו די עסציג מיט וואס מען זאל עס עסן אזוי האט די הייליגע באשעפער געזאגט פאר משה רבינו ער זאל אויסלערנען די אידן די דינים פונעם הייליג׳ן תורה כדי די אידן זאלן עס ארויסהאבן זייער קלאר

איינער פון די גרעסטע חלקים און די הייליגע תורה איז די חלק פון חושן משפט די הייליגע משפטים פון חושן משפט וואס דאס איז אסאך נוגע בין אדם לחברו ווי עס איז באקאנט פאר א יעדעם איינעם דאס וואס רבינו הקדוש ז״ע האט אנגעזאגט די מורה הוראה פון אונזער קהלה אז ער שטעלט זיי נא צו פאסקענען די חלק פון אורח חיים און יורה דעה און צוגעלייגט אז חושן משפט זאל מען לאזן פאר אים אזס ער וועט שוין פאסקענען די הלכות פאר דער וואס דארף דאס וויסן און וויאזוי ער דארף זיך צו פירן.

איינמאל איז געווען זייער אן אינטערסאנטע מעשה ווען צווי שותפים האבן זיך צושלאגן און איינער האט באגאנבעט זיין חבר מיט א גרויסע סומע געלט און זיין חבר האט עס ממש נישט אויסגעהאלטן איז ער אריינגעלאפן צום אוהבן וליבן של ישראל רבינו הקדוש און אים פארציילט די גאנצע מעשה ווי זיין חבר האט אים באגאנבעט מיט אזא גרויסע סכום געלט האט אים רבינו הקדוש געענפערט די ביסט גערעכט אז יענער איז דיר שילדיג אזוי סאך געלט אבער איך בעיט דיר זייער זיי אים עס מוחל

מען דארף נישט מסביר זיין פאר קיינעם די געפיל פון די איד נאכן הערן אזעליכע ווערטער די ביסט גערעכט אבער זיי אים עס מוחל האט ער געפרעגט פון רבינו הקדוש אויב אזוי פארוואס דארף זיין א חלק און די תורה פון חושן משפט זאל שטיין אויב צווי מענטשן צושלאגן און איינער באגאנבעט איינעם מיט געלט זאל ער אים עס מוחל זיין און פארטיג

האט אים רבינו הקדוש געענפערט ניין עס דארף זיין די חלק פון חושן משפט אז א מענטש זאל וויסן און יעדע פאל וואס און אמת׳ן איז די הלכה און דאך וועל איך טוהן לפנים משורת הדין און מותר זיין אויף אלע רעכטן אפילו על פי תורה קומט זיך עס מיר דאך בין איך עס מוותר

דאס איז די ריכטיגסטע זאך ארויס צוברענגען די וואך פאר אונז טאהש׳ע חסידים דאס האט אונז רבינו הקדוש ז״ע שטענדיג געלערנט אז אפילו עס קומט זיך עס דיר דאך למען השלום געב עס אויף פאר דין אייגענע טובה וועגן

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זיך ווייטער פירן אויפ׳ן הייליגע אויסגעטרעטענעם וועג וואס רבינו הקדוש האט אויסגעטרעטן פאר אונז ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו ומכינו בראשינו בב״א

א גוט שבת

**השי״ת זאל העלפן מיר זאלן ווייטער זעהן אסאך אידיש נחת**

# א גריס
## פון די לעכטיגע קינדערלעך פון קינדערגארטן

ונשמרתם מאוד לנפשותכם









עזוב תעזוב עמו







השבת אבידה